און דאס איז דער "לגוי גדול אשימך", סיי בנוגע בניו ובני ביתו, און דערנאך "לבניך - אלו התלמידים" (פרש"י דברים ו, ז), וכמארז"ל (סנה' יט, סע"ב) "כל המלמד .בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", במילא הייסט דאס א גוי גדול.

ביז אז מען פועל'ט אויף "אנכי אעלך גם עלה" ווי עס שטייט אין תו"א ( מט,א ) ע"פ מדרשים אז "גם עלה" גייט אויף די גאולה השלימה והאמיתית - פועל'ט מען דאס ע"י העבודה פריער בענין הגלות.

וע"ד ווי דוד האט געזאגט אז "צמאה לך נפשי וגו' כן בקודש חזיתיך וגו'" טייטשט דאך דער בעש"ט אז "כן בקודש חזיתיך וגו'" מיינט הלואי בקודש חזיתיך (סה"מ קונטרסים, ע' 106), אז דעם זעלבן צמאון ותשוקה וואס ער האט געהאט בארץ צי' ועייף זאל ער אויך האבן בקודש - און דאס זאגט דוד "נעים זמירות ישראל" בשם כל ישראל [וכידוע אז דערפאר ווערט ער אנגערופן "נעים זמירות ישראל" ווייל אלע זיינע זמירות האט ער געזאגט בשם כל ישראל], דארף דאס זיין ביי יעדער איד, אז פונקט ווי ער איז געווען בארץ צי' וכו' זאל ער זיין מיט די זעלבע תשוקה וכו' בשעת ער איז מתוך הרחבה ומתוך הרווחה, און מיט די זעלבע מסירת נפש ומסירת הרצון, און ער זאל זיין א דוגמא חי' פאר אנדערע וועלכע זיינען ארום אים.

ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט בנוגע דעם לעצטן ארעסט, אז לכתחילה ווייס ער ניט צי ער וואלט געגאנגען אבער לאחר וואס ער איז דאס דורכגעגאנגען וואלט ער ניט מוותר געווען אפילו אויף איין רגע, מצד דעם יוקר הענין והעילוי וואס איז אים צוגעקומען ע"ז.

דארף דאס זעלבע זיין לכל ההולכים בעקבותיו אז מען זאל אויסנוצן די מסירת נפש ומסירת הרצון פון דארטן, און טאן דאס איצטער נאר אונטער אנדערע תנאים ואופנים, באופן של דוגמא חי'; און פועל'ן אז עס זאל זיין שופח על מנת להשפיח, בהפצה היהדות והפצת התורה, ביז הפצות המעיינות און אין חוצה טאקע, וואס דאס וועט ממהר זיין ומקרב זיין די גאולה, ע"ז וואס מ'וועט מוסיף זיין ביי זיך אליין אין די עבודה פון לימוד התורה וקיום מצותיה, און דערנאך פועל'ן אויף אנדערע וועט דאס ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו בקרוב ממש.

ב. דער ענין וואס דער אויבערשטער האט געזאגט יעקב'ן "לגוי גדול אשימך שם", איז דאס ניט נאר בנוגע יעקב'ן אדער דער וואס דומה לו, נאר דאס איז שייך און געזאגט געווארן לכאו"א בפרטיות, אז יעדערער האט דעם עילוי און דעם זכות. ווי מען זעט אז דערנאך ווערט יעדערער געציילט באזונדער, "ואלה שמות בנ"י הבאים מצרימה" (בו, ח) ובפרטיות, ווארום דאס איז ניט אן ענין וואס קומט מצד זכותו של יעקב דוקא אדער מצד לאה, רחל, בלהה וזלפה, אדער מצד זכות הצבור והרבים, נאר כנ"ל יעדערער ווערט געציילט באזונדער, און אויב עס איז מצד זכות הצבור, איז עס דאך ניט פארבונדן מיט אים אלס פרט, נאר ווי ער איז א חלק פון כלל; ד.ה. אז כאו"א וואס איז אין גלות האט דערביי דעם גודל הזכות.

ביז מען זעט אז אפילו בני יוסף שנולדו במצרים ווערן אויך אריינגערעכנט אין דעם ציילן, ווארום אויך זיי זיינען געווען אין מצרים, און ווערן נכלל און האבן די מעלה פון "הוה גולה", וואס דאס איז דאך א מעלה אין תורה - "הוי' גולה למקום תורה", (אבות פ"ד מ"ד) האבן זיי

- אויך אט -

אויך אט דעם עילוי - דעם עילוי וואס קומט ע"י הגלות.

וכמבואר בענין "הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל" (ישעי' כז, ו), אז פונקט ווי בשעת מען איז זורע א גרעין אז ער זאל צומח זיין, איז דאך ניט מספיק בשעת ער וועט עם איינלייגן אין א מקום המשומר, אפילו בכלי כסף וזהב, ווארום עי"ז וועט עס ניט וואקסן, ודוקא עי"ז וואס ער לייגט עם אריין בעפר און עס ווערט נרקב, קען דערנאך זיין די צמיחה כראוי, "יציץ ופרח", עד"ז בנוגע אידן, אז דוקא עי"ז וואס ער ווערט נזרע בעפר, שהו"ע ד"ונפשי כעפר לכל תהי'", ענין הביטול, אין גלות - "הבאים ישרש יעקב", קען דערנאך זיין "יציץ ופרח ישראל".

וכנ"ל איז דאס געזאגט געווארן לכל פרט ופרט, וואס דעריבער שטייט דער לשון "אעלך גם עלה" און "לגוי גדול אשימך" בלשון יחיד, ווארום דאס איז געמיינט געווארן לכאו"א.

לאחר וואס די תורה ציילט די נעמען בפרטיות, ווערן זיי אין תורה פאנאנדערגעטיילט לויט זייערע אמהות, מיט א סך הכל כללי לויט די אמהות, ווי עס שטייט (שם, טו) "אלה בני לאה וגו' שלשים ושלש" ועד"ז "אלה בני זלפה וגו' שש עשרה נפש" (שם, יח) ועד"ז בא בלהה און בא רחל'ן, מ'זעט אבער אין דעם א שינוי (ווי די מפרשים פרעגן, ובפרט אין צרור המור): ביי רחל און בלהה ווערט דער מספר הכללי דערמאנט בלשון זכר, "כל נפש ארבעה עשר", "כל נפש שבעה", אבער בנוגע לאה און זלפה, שטייט עס בלשון נקבה, ביי לאה שטייט "שלשים ושלש" און אויך ביי זלפה שטייט "שש עשרה".

איז ער מבאר אין צרור המור הטעם בזה, אז ביי רחל און בלהה זיינען אלע געווען זכרים, משא"כ אבער ביי לאה און זלפה איז דאך געווען דינה וסרח אחותם, דעריבער ווערט דער מספר דערמאנט בלשון נקבה.

דאס איז אבער ניט פארשטאנדיק: ווארום עפ"י כללי הדקדוק, בשעת מען רעדט וועגן זכרים ונקבות ביחד נוצט מען א לשון זכר.

אפילו ניט ע"פ כללי דקדוק איז עס אויך ניט מובן: דא רעדט זיך דאך וועגן גלות, שכמבואר לעיל איז דאך ניט דער תכלית אז עס זאל זיין א גלות, נאר אז עי"ז זאל מען צוקומען לענין הגאולה, אז עס זאל צוקומען א יתרון, מ'זאל כובש זיין דעם גלות און פועל'ן ענין הגאולה, און ווי געדעדט (בהמאמר ד"ה ראיתי והנה מנורת זהב, בש"פ מקץ) בנוגע וואס עס שטייט (זכרי' ד, ב) "גולה על ראשה" אז אין דעם זיינען פאראן צוויי פירושים אין דעם זעלבן מדרש, א) הן אַן אל"ף, וואס דאס מיינט ענין הגלות; ב) מיט אַן אל"ף, וואס דאס מיינט גאולה, און וויבאלד ביידע פי' זיינען אין איין ווארט האבן זיי א שייכות, ובעניננו: דער תכלית ענין הגלות איז מ'זאל פועל'ן די גאולה, וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט כיבוש, אויף איינגעמען דעם גלות, און עס איז דאך "איש דרכו לכבש ואין אשה דרכה לכבש" ביז אז עס קומט אראפ בהלכה בפועל (דאה יבמות סה, ב), האט דאך דא זיכער געדארפט שטיין בלשון זכר?

איז דער ביאור אין דעם: עס שטייט לשון נקבה ווייל ענין הגלות איז דאך פארבונדן מיט "רגלי' יורדות וגו'" שהו"ע ספי' הנוקבא, וואס אין דעם איז פאראן די ירידה בתכלית, און מען פועל'ט אויף אפילו דארט. וואס אזוי איז עס אויך בפשטות, אז

ווער באוווארנט די שטוב, אז ניט בלויז עס זאל ניט מושפע ווערן מבחוץ, נאר אדרבה דער בית זאל משפיע זיין און ליכטיג מאכן בחוץ, איז עס פארבונדן מיט דער פדוי, ע"ד ווי מען געפינט ביי די ימי חנוכה דאזלינן מיניהו [און עס האט דאך א שייכות, ווארום שטענדיק איז דאך ר"ח טבת בחנוכה, וואס ר"ח איז דאך כולל כל ימי החודש], אז די נרות חנוכה פועל'ן און זיינען מאיר בחוץ, דארטן וואו עס איז "תשקע החמה", און ביז מ'פועל'ט אז "כליא ריגלא דתרמודאי", אותיות "מורדת", און דערפאר דארף מען דאס צינדן "בפתח ביתו מבחוץ", אויף מאיר זיין דעם חוץ.

דלכאו' איז בכלל ניט מובן, ווי ווערט עס ביתו - זיין בית, עס איז דאך "לה' הארץ ומלואה"? - נאר דאס איז ווי די גמרא (ברכות לה, סע"א) זאגט אז "כאן קודם ברכה כאן לאחר הברכה", דאן איז "והארץ נתן לבני אדם"; וואס ענין הברכה, איז דאס וואס עד זאגט "ברוך אתה וכו' אלוקינו מלך העולם", אז דער אויבערשטער איז א בעה"ב אויף דער גאנצער וועלט, און דאס איז ענין העיקרי של הברכה, וואס דערפאר איז אויך דער דין בפועל (ברכות מ, א) אז "ועל כולם אם אמר שהכל נהי' בדברו יצא", ווארום דאס איז נקודה העיקרית של כל הברכות אז אלץ וואס עס איז פאראן, "שהכל", איז "נהי' בדברו", ובפרט עפ"י תורת הבעש"ט (שעהיוה"א פ"א) אויף "לעולם ה' דברך נצב בשמים", אז די התהוות איז ניט ח"ו געווען אמאל און איצטער האט דאס א קיום מצד עצמו, נאר בכל-רגע-ורגע איז פאראן א התהוות חדשה מאין ואפס המוחלט, און דאס איז דער ענין פון שהכל נהי' בדברו, אז בכל רגע ורגע ווערט אלץ נתהווה בדברו.

ובמילא דוקא ע"י ענין הברכה אז עד וויים אז "אלוקינו מלך העולם", קען דערנאך זיין "והארץ נתן לבני אדם", ועד"ז, דוקא ע"י ענין הברכה ווערט עס ביתו, און דערנאך צינדט ער "מפתח ביתו" און איז מאיר דעם חוץ.

בפשטות ווער פועל'ט דאס אין בית, איז דאס די עקרת ביתו, וואס אין איר איז בעיקר תלוי דער חינוך פון די קינדער, ועד"ז הנהגת הבית בכללות איז דאך תלוי אין איר.

דערפאר בשעת מען מאכט דעם סך-הכל פון דעם מספר אלו שירדו למצרים זאגט ער דאס בלשון נקבה, ווארום אדרבה די איז די וואס פועל'ט דעם "איש וביתו באו", אז עס זאל ווערן די עלי', וכידוע אז אין "איש וביתו באו", זיינען פאראן צוויי פירושים: א) אז דאס גייט אויף בני ביתו ובכלל זה אשתו בפרט; ב) דאס גייט אויף עבדיו ונכסיו וכו', וכנ"ל איז הא בהא תליא, אז דורך דעם וואס אשתו פועל'ט וכו', פועל'ט עס על כל הבית שלו.

ביז מען געפינט נאך מער, אז יוכבד האט משלים געווען דעם מספר פון שבעים נפש, ווי רש"י (ויגש מו, כו) זאגט, אז די איז געבוירן געווארן "בין החומות", עפ"י אז דער אויבערשטער האט געקענט מאכן אז עס זאל זיין א בן ישראל, פארוואס דוקא א בת ישראל, פונדעסטוועגן איז דאס געווען יוכבד דוקא, ובמרובר כ"פ אז "משלים" איז ניט בלויז וואס עד איז משלים דעם מנין פון שבעים אז עס זאל ניט זיין ס"ט, נאר דאס פועל'ט א שלימות אין דעם גאנצן ענין, ד.ה. אז עס איז ניט בלויז ענין ההשלמה נאר עס פועל'ט א שלימות, ע"ד ווי עס שטייט (שמואל ב' כ, יט) אנכי שלמי אמוני ישראל, וואס דאס גייט אויף ספירת המלכות אז עס איז משלים אמוני ישראל.

- עד"ז בנוגע -

עד"ז בנוגע יוכבד אז זי האט גע׳פועל׳ט א שלימות אין די שבעים נפש.

ובפרט לויט ווי גערעדט כ"פ אז "אלו ואלו דברי אלקים חיים" (עירובין יג, ב), און ווי גערעדט אז בשעת עס איז פאראן צוויי פירושים אויף איין ווארט איז מובן אז די בײדע פירושים זײנען פארבונדן זה-עם-זה, איז נוסף צו פירש"י (אז יוכבד השלימה את המספר), שטייט אין פרקי דר"א (פל"ט) נאך א פי׳ אז דער אויבערשטער האט געזאגט אזוי ווי עס דארף דאך זיין שבעים און עס איז פאראן בלויז ס"ט, האט ער זיך אליין מצרף געווען אין מספר, ע"ד ווי עס איז בנוגע מתן תורה אז דער אויבערשטער נכנס בתוכן, אז אזוי ווי עס איז געווען ששים רבוא חסר אחד, האט דער אויבערשטער געזאגט "אנכי וגו׳", אז ער וועט זיך אריינרעכענען אין דעם מספר, עד"ז איז דאס אויך בענין זה אז דער אויבערשטער האט משלים געווען דעם מספר.

איז דאס פארבונדן מיט דעם אנדער פי׳ אז יוכבד האט משלים געווען, ווייל ע"י יוכבד, ד.ה. בנות ישראל, טוט זיך אויף אז דער אויבערשטער געפינט זיך בתוכם.

די הוראה מכל זה איז בנוגע חינוך הבנות, אז בשעת מ׳באטראכט זיך און מען זעט אז איין פרוי קען אויפטאן אין א גאנצן בית, ביז אז היא השלימה, זי פועל׳ט א שלימות ביי אלע, איז פארשטאנדיק דער גודל ההשתדלות וואס מען דארף ארייגלייגן בכדי פועל׳ן אויף די און די, ואעפ"י אז עס קומט אן שווער, זאל ער ניט טענה׳ן אז ער וועט ניט געבן און משפיע זיין א סך, נאר בלויז א התחלה, זאגט מען אז ער דארף משפיע זיין הכל, און ער זאל ניט נתפעל ווערן און זאגן אז זי קען דאס ניט מקבל זיין, ווארום ווער קען אפשאצן וויפל עס קען מקבל זיין א חלק אלוקה ממעל ממש.

און מ׳דארף פועל׳ן אויף זיי ביז אז זיי זאלן ווערן טופח על מנת להטפיח, אז זיי זאלן פועל׳ן אויף אנדערע אז דער מושפע זאל ווערן א משפיע, און די מושפעת זאל ווערן א משפיעה.

ביז אז נשי ובנות ישראל בויען ע"ד ווי שפרה און פועה, וואס פון זיי איז ארויס בתי כהונה ובתי מלכות (פרש"י שמות א, כא), וואס זיי האבן דאס אויף געבויט ע"י עבודתם, עד"ז איצטער דורך דעם וואס מען גיט זיך אפ מיט זיי פועל׳ט מען אז זיי זאלן אויפשטעלן צבאות הוי׳ מיט וועלבע מען וועט גיין מקבל זיין פני משיח צדקינו בקרוב ממש.

ג. מאמר כעין שיחה עה"פ ודוד עבדי נשיא להם לעולם.

ד. בנוגע א רש"י פון היינטיקע פרשה, איז דאס דער פירוש רש"י עה"פ (קאפיטל מ"ה פסוק כ"ג) "ולאביו שלח כזאת עשרה חמרים וגו׳ ועשר אתנת וגו׳". רש"י איז מעתיק דעם לשון הפסוק "שלח כזאת" און איז מפרש "כחשבון הזה, ומהו החשבון י׳ חמורים וגו׳". ווי מען לערנט אט די פירוש רש"י בפשטות, איז, אז ביי רש"י׳ן איז שווער דאס וואס דער פסוק זאגט דעם לשון "כזאת", דלכאו׳ איז דער ווארט "כזאת" אן איבעריקער, ווארום אן דעם וואלט אויך בפשטות געווען פארשטאנדיק דער סיפור המעשה אז "ולאביו שלח עשרה חמרים וכו׳ ועשר אתנת וגו׳", איז פארוואס דארף דער פסוק מוסיף זיין דעם ווארט "כזאת"? אויף דעם איז רש"י מפרש "כחשבון הזה וגו׳"

- אז יוסף -